# הליכות החיים

ראש השנה | שנת תשפ"ו לפ"ק | גליון תפ"ט

בס"ד ע"י
הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל


**גליון זה נתנדב**

לזכר נשמת ראש משפחתינו האי גברא יקירא, מלא שמחת החיים ואמונה ובטחון בכל הזמנים, בהתמסרות למען הזולת

הרה"ח ר' **חיים שלמה** ב"ר **יוסף אליהו** ע"ה **קעניג**

יא"צ ביום כ"ה אלול

וזוגתו האשה החשובה מרת **חי' יוטא** בת ר' **יוסף יושע** ע"ה

הונצחו ע"י בני משפחתם - יהא זכרם ברוך

## הרוצה בתשובה

### אקטועלע שכיח'דיגע שאלות (מה)

### תקיעת שופר

#### מאכן די ברכה ביים בלאזן פאר פרויען

**שאלה: ווען מען בלאזט שופר פאר פרויען אינדערהיים אדער אין פלעצער פאר פרויען אין קינדער, ווער זאל מאכן די ברכות, דער בעל-תוקע, אדער די וואס הערן דאס שופר-בלאזן?**

**תשובה:** וויבאלד געוועגליך וויל נישט דער בעל-תוקע אליין יוצא זיין דעמאלט, זאל ער נישט מאכן די ברכה, נאר זיי זאלן אליין מאכן די ברכה "לשמוע קול שופר"[1].

#### חינוך אויף שופר-בלאזן

**שאלה: פון וועלכן עלטער דארף מען מחנך זיין קינדער מיט'ן הערן שופר-בלאזן?**

**תשובה:** פון ווען דאס קינד איז זעקס-זיבן יאר, וואס דעמאלט פארשטייט ער שוין אביסל דעם ענין פון שופר-בלאזן און קען אויסהערן די דרייסיג קולות פון די תקיעות.

אזוי אויך קינדער וואס קענען שוין מאכן די ברכות אויפ'ן שופר-בלאזן און הערן אויס אלע דרייסיג קולות, זאל מען זיי מחנך זיין צו מאכן די ברכות אויפ'ן שופר-בלאזן[2].

#### מאכן קידוש פאר די תקיעות

**שאלה: איינער וואס דארף עסן פאר די תקיעות, צי דארף ער מאכן קידוש, אדער ער קען עסן אן קידוש?**

**תשובה:** אויב מען וויל נאר טרינקען, דארף מען נישט מאכן קידוש.

עס זענען דא וואס האלטן אז דאס זעלבע איז אויך אויב מען וויל עסן, אז מען דארף נישט מאכן קידוש[3], אנדערש ווי שבת וואס מען מוז מאכן קידוש נאכדעם וואס מען האט שוין געדאווענט שחרית, אבער להלכה איז אנגענומען אז אויב מען וויל עסן דארף מען פריער מאכן קידוש[4].

#### נישט עסן צופיל

עס איז ריכטיג אנצומערקן, אז אויך ווער עס עסט פאר מוסף זאל זיך נישט אנעסן, [און אויב מ'עסט קעיק א.ד.ג., ברענגען די פוסקים, אז לכתחילה זאל מען נישט עסן מער ווי א "כביצה"] וויבאלד מעיקר ההלכה טאר מען נישט עסן פאר תקיעת שופר[5], און דער היתר איז נאר צוליב שוואכקייט און אז מען זאל האבן כח צום דאוונען און שופר-בלאזן, אבער עסן צופיל איז זיכער נישט אויסגעהאלטן, בפרט אז דאס עסן אסאך מאכט מיד[6].

◄

## אריינברענגען שמחה אין אנדערע אידן

א איד האט אמאל געפרעגט הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל שוין אויף זיינע עלטערע יארן, וואספארא קבלה ער זאל נעמען אויף זיך אין צוגרייטונג צום יום הדין. "שמייכל," האט רבי אביגדור אים קורץ געענטפערט. דער איד האט נישט פארשטאנען די תשובה, האט ער נאכאמאל איבערגעפרעגט, אבער רבי אביגדור האט אים געענטפערט דאס זעלבע: "שמייכל."

דער ענטפער פון הגאון רבי אביגדור, פון די גדולי בעלי מוסר, איז דעם איד געווען א רעטעניש. וואספארא מין קבלה איז דאס צום יום הדין - שמייכלען? זעענדיג ווי דער איד שטייט אזוי פארוואונדערט, האט רבי אביגדור זיך אנגערופן צו אים און געזאגט, "איך בין שוין נישט יונג, אבער ביי די פולע געדאנקען בין איך, ברוך ה' - וועל איך דיר דאס ערקלערן.

"איך האב אמאל גערעדט מיט א ביזנעסמאן," האט רבי אביגדור אים ערקלערט, "האט ער מיר דערציילט אז פון צייט צו צייט גייט ער איבער מיט'ן אויפזעער די חשבונות און אלע פרטים פון דעם ביזנעס, און אסאך מאל ווען מען וויל רעדוצירן די צאל ארבעטער כדי צו מינימיזירן די הוצאות, מאכט מען א חשבון, וועלכן ארבעטער מען דארף דאס וויכטיגסטע און וועמען נישט אזוי וויכטיג.

"'איינמאל,' האט דער געשעפטסמאן מיר דערציילט, 'איז מיר אויסגעקומען צו הערן פונעם אויפזעער אויף איינעם פון די ארבעטער, אז מען וואלט זיך געקענט אן עצה געבן אָן אים. איך האב זיך אבער געדונגען מיט אים און געזאגט אז איך וויל יענעם האלטן אויף דער שטעלע. אויף זיין פראגע פארוואס איך וויל אים נישט פארשיקן, האב איך ערקלערט, אז ער קומט אלעמאל אריין צו דער ארבעט מיט פרייליכע ווערטער, און איך האב באמערקט אז ווען ער איז דא, ווערן אלע ארבעטער אין א גוטער שטימונג. אמת, די ארבעט וואס ער טוט איז נישט עפעס וואס גיט צופיל צו צום ביזנעס, און מען וואלט זיך געקענט אן עצה געבן אָן אים, אבער איך קוק נישט נאר אויף זיין ארבעט - איך קוק אויף דער ארבעט פון אלע ארבעטער, און ווען די שטימונג איז ביי זיי א גוטע, איז די פראדוקציע בעסער; און אָן דער

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האשה החשובה
מרת בילא בת ר' אלעזר ע"ה
פעלבערבוים
נפטרה ביום ד' תשרי
יהא זכרה ברוך

הונצחה ע"י נכדה מוה"ר אברהם קעניג הי"ו

### איבערמאכן קידוש נאך מוסף

**שאלה: אויב מען האט געמאכט קידוש נאך שחרית, צי דארף מען מאכן נאכאמאל קידוש נאך מוסף?**

**תשובה:** מען מוז נישט מאכן נאכאמאל קידוש מעיקר ההלכה, אבער עס איז ריכטיג אזוי צו טון.[7]

## תפילת מוסף בראש השנה

### אויב מ'איז געקומען שפעט צו די תקיעות

**שאלה: אויב איינער איז אנגעקומען שפעט אין שול, און מען האט שוין געהאלטן אינמיטן די תקיעות, אדער מען האט שוין אנגעהויבן שטילע שמונה עשרה, ווען זאל ער מאכן די ברכה אויפ'ן שופר-בלאזן?**

**תשובה:** אויב ער איז אנגעקומען ווען מען האט שוין אנגעהויבן די תקיעות, זאל ער אויסהערן די תקיעות פונעם בעל-תוקע, און דערנאך בשעת מען זאגט דעם "יהי רצון" צווישן די תקיעות, זאל ער מאכן די ברכות.

אויב מען האט שוין אנגעהויבן שטילע שמונה עשרה, זאל ער צוואווארטן ביז מען בלאזט ביי הויכע שמונה עשרה, און ביי די תקיעות פון שטילע שמונה עשרה זאל ער אינזין האבן אז ער וויל יוצא זיין דעם ענין פון די "מאה קולות" (די תקיעות וואס מען בלאזט מער ווי די מצוה), אבער די מצוה פון תקיעת שופר וויל ער נישט יוצא זיין ביז די תקיעות פון הויכע שמונה עשרה, און פאר'ן בלאזן ביי הויכע שמונה עשרה זאל ער מאכן די ברכות.[8]

### זאגן תהילים אדער "אשר יצר" פאר'ן ענדיגן אלע תקיעות

**שאלה: צי מעג מען זאגן תהילים אדער די ברכה "אשר יצר" נאך שטילע שמונה פון מוסף ראש השנה, פאר מען הייבט אן הויכע שמונה עשרה, כאטש מען טאר נישט**

ארבעט פון אלעמען וואלט דער ביזנעס זיכער זיך נישט געקענט קיין עצה געבן.'

"נו," זאגט רבי אביגדור פאר דעם איד. "עס קומט דאך יעצט ראש השנה. מען פאר'פסק'נט אין הימל, 'מי יחי'', און ח"ו דאס פארקערטע. נישט ביי יעדן זענען די מעשים ווי עס דארף צו זיין, 'ואין שכחה לפני כסא כבודך', דער רבוש"ע ווייסט און קוקט איבער יעדנ'ס מעשים, און מען דארף האבן גענוג זכותים. זוכסט דיר א סגולה? זאג איך דיר: שמייכל. צי אויס א שמייכל איבער'ן פנים; גיי, ברענג אריין שמחה אין אנדערע, און אזוי ארום ווערן די אלע מצוות און גוטע מעשים וואס זיי טוען גיין אויף דיין חשבון. אט דאס איז א געוואלדיגע קבלה און סגולה צום יום הדין."

### יעדער קען טון 'קירוב'

די וועלט שטייט אויף דריי זיילן: תורה, עבודה און גמילות חסדים (אבות א, ב). וואס זאל א מענטש טון כדי ניצול צו ווערן פון די "חבלי משיח"? ער זאל עוסק זיין אין תורה און אין גמילות חסדים. (ילקוט שמעוני ירמי' סימן ש')

יעדער איינער פון אונז קען טון חסד, איינער מיט'ן העלפן יענעם "בגופו" (פיזיש), איינער "בממונו" (פינאנציעל). איין סארט חסד איז אבער דא, וואס יעדער אן אויסנאם קען דאס טון און עס קאסט גארנישט, נאר אביסל מחשבה, און דאס איז זיך ווייסנדיג מאכן פון א צווייטן, זאגן יענעם א גוט ווארט.

עס דערציילט א איד: איין טאג רופט מיר אן א באקאנטער איד און פרעגט, "זאג, דו דאוונסט אפשר אין דעם און יענעם בית המדרש?"

"יא," זאג איך אים.

"קענסט אפשר דעם און דעם בחור?"

"איך ווייס ווער ער איז, אבער איך האב נישט מיט אים קיין באזונדער שייכות."

"פון יעצט אן, וועסטו האבן שייכות מיט אים," זאגט מיר יענער און זעצט פאר, "לאמיר דיר דערציילן: דער בחור גייט אדורך שוועריגקייטן אינדערהיים און אין ישיבה. ער פלאנט צו פארלאזן די ישיבה און ארויסגיין אין דער גרויסער, מסוכנ'דיגער וועלט, וואס דאס מיינט אז זיין גאנצע אידישקייט איז אין א סכנה. מען האט שוין אלץ פרובירט, און נאך איין זאך איז דא וואס מען קען טון - שענקען אים אווארעמען שמייכל, ער זאל פילן אז עס איז דא ווער עס איז אינטערעסירט אין אים. איך בין נישט אין דעם בית המדרש און איך קען דאס נישט באווייזן, בעט איך דיר - האסט, ברוך ה', א ווארעמע שפראך, ווער גוט מיט אים יעצט 'בין הזמנים', אפשר וועט דאס העלפן און ער וועט וועלן צוריקקומען חודש אלול."

"אוי!" זאג איך אים. "כ'בעט דיר... איך בין נישט אין 'קירוב'-פעלד. מען דארף טרעפן איינעם

בס"ד
פינת צדקת צדיקי הדורות
ותשובה ותפילה
וצדקת רבי מאיר בעל הנס
יעצט בימי הרחמים והרצון
ליידיגט אויס אייערע
רבי מאיר בעל הנס פושקע
און האנדלט אייך איין די
גרעסטע זכותים פאר'ן יום הדין!


חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח
בית הכנסת
על קבר רבי מאיר בעל הנס
תשרי חלוקה
עמוד הצדקה
והחסד בארה"ק
צדקת
רבי מאיר
בעל הנס
כולל חבת
ירושלים

**מפסיק זיין נאך דער ברכה אויף די תקיעות ביז מען ענדיגט בלאזן אלע תקיעות?**

**תשובה:** עס איז מותר. אויך מעג מען בעטן בקשות אויף אידיש און עס הייסט נישט קיין הפסק[9].

אזוי אויך קען מען זאגן "אשר יצר" נאך שטילע שמונה עשרה אדער אינמיטן די פיוטים.

אויב מ׳דארף מאכן "אשר יצר" ווען מ׳האלט שוין מער צום ענדע פון הויכע שמונה עשרה, ווען ס׳איז שוין נישט צו לאנג ביז ווען מ׳וועט ענדיגן אלע תקיעות, זאל מען בעסער אויסווארטן מיט׳ן זאגן "אשר יצר" ביז נאך אלע תקיעות.[10]

## סעודות ראש השנה

### עסן "סאָוער דאָו" ראש השנה

**שאלה: פאראיארן ביי דער סעודה ראש השנה ביינאכט, האט מען ביי מיר אריינגעברענגט "סאָוער דאָו" צום טיש, און עטליכע האבן אנגעמערקט אז אפשר זאל מען דאס נישט עסן, וויבאלד ראש השנה, ערב יום כיפור און הושענא רבה עסט מען נישט קיין זויערס. צי גייט דאס טאקע אריין אין גדר פון זויערס וואס מען עסט נישט?**

**תשובה:** מען קען עס עסן[11].

### פארגעסן "יעלה ויבוא" ביים בענטשן

**שאלה: אויב האט מען פארגעסן "יעלה ויבוא" ראש השנה ביי דער סעודה, דארף מען איבערבענטשן?**

**תשובה:** ביי דער סעודה בייטאג דארף מען נישט איבערבענטשן. ביינאכט איז א מחלוקת הפוסקים, און מען נעמט אן אז מען דארף נישט איבערבענטשן. אויב מען דערמאנט זיך פאר מען האט אנגעהויבן די פערטע ברכה, זאל מען זאגן "אשר נתן וכו׳".[12]

## דאווענען מנחה ביי קברי צדיקים

**שאלה: עס מאכט זיך אסאך ביי פרויען וואס גייען צו קברי צדיקים אינמיטן יאר אדער אין באשטימטע זמנים זיך אויסצובעטן און זיי ווילן דאווענען מנחה אדער מעריב דארט ביים ציון, צי איז עס אויסגעהאלטן צו דאווענען שמונה עשרה נעבן דעם קבר?**

**תשובה:** עס איז אסור צו דאווענען נעבן א קבר, צוליב "לועג לרש", ד.ה. עס איז א צער פאר די וואס ליגן דארט אז זיי קענען נישט מקיים זיין די מצוות.

דער איסור איז אויך ביי קברי צדיקים, אויסער די פלעצער וואו מען האט געמאכט א בית המדרש, ווי מירון, רבי מאיר בעל הנס, קבר רחל, אד"ג.[13]

## כפרות שלאגן

### א שירעם א.ד.ג. העכער׳ן קאפ ביים כפרות-שלאגן

**שאלה: ווען עס קומט צום כפרות-שלאגן, ווערט א גאנצער מצב מיט די קינדער וואס האבן מורא און ווילן נישט פארשמוצט ווערן. צי מעג מען אריינלייגן די כפרה אין א שאכטל און אזוי ארומדרייען איבער׳ן קאפ?**

**תשובה:** מען קען אזוי טון, און אויך קען מען לייגן א פלאסטיק אויפ׳ן קאפ, א "רעין באננעט", אד"ג.[14]

וואס איז א מומחה דערצו און קען טון די סארט ארבעט."

"מען דארף נישט קיינעם פראפעסיאנעל," זאגט ער. "מען דארף א איד מיט א ווארעם הארץ, וואס קען געבן א ווארעמען שמייכל, און דאס קענסטו."

איך האב פארשטאנען אז עס איז נישטא קיין אנדערער וואס זאל עס טון, האב איך געפילט אז איך מוז כאטש פרובירן, וויל אויב חלילה וועט דער בחור שפעטער אוועקפאלן, וועל איך זיך נישט קענען מוחל זיין, אז איך האב אפילו נישט פרובירט.

דעם קומענדיגן שבת, נאכ׳ן דאווענען, בין איך צוגעגאנגען צום בחור און פרובירט רעדן מיט אים א ווארט, אבער ער האט שנעל אפגעענדיגט דעם שמועס.

שפעטער, ביי שלש סעודות, האב איך אים געזען ווארטנדיג אין דער שורה זיך צו וואשן די הענט. איך האב באמערקט ווי ער נעמט דאס טעפל אין האנט און זעענדיג אז עס איז א צעבראכן טעפל וואס איז נישט כשר צו נטילת ידים, לייגט ער עס באלד אראפ און וואשט זיך מיט אן אנדער טעפל.

"שיין," רוף איך זיך אן צו אים. "איך זע אז דו קענסט די הלכות. נישט יעדער איינער ווייסט ווי אזוי מען דארף זיך וואשן אויף ברויט."

דער בחור האט געשמייכלט. ער האט נישט געקענט צוריקרעדן ווייל ער האט זיך שוין געהאט געוואשן, אבער איך האב געזען אז די ווארט איז געבראכן געווארן.

אביסל שפעטער האב איך נאכגעזאגט פאר דעם בחור, וואס דער "חזון איש" האט אמאל געזאגט, אז היינט האט ער באמערקט ווי צען בחורים וואשן זיך די הענט, אבער נאר איינער האט זיך געוואשן ווי עס דארף צו זיין, אכטונג געבנדיג אויף די הלכות פון נטילת ידים, די הענט זאלן זיין טרוקן פאר׳ן וואשן, גיסן איבער דער גאנצער האנט, אא"ו. "יעצט פארשטייסטו שוין מיין התפעלות זעענדיג ווי דו וואשסט זיך כהלכה", האב איך אים געזאגט.

"אגב," האב איך צוגעגעבן, "האב איך יעצט, 'בין הזמנים', אביסל ליידיג צייט. איך קען באשטיין צו לערנען מיט א בחור וואס האט א געפיל צו הלכה. אפשר וואלטן מיר געקענט מאכן א שיעור."

"איר ווילט לערנען מיט מיר?" האט דער בחור זיך געוואונדערט. "איר זענט דאך עלטער מיט פופצן יאר. וואס קען איך צוגעבן?"

"וואס איז א חילוק די יארן?" האב איך געזאגט. "עס אינטערעסירט מיר מער א בחור וואס האט א געפיל פאר הלכה."

מיר האבן געמאכט א שיעור פון א האלבע שעה א טאג. פופצן מינוט האט מען געלערנט און פופצן מינוט געשמועסט פון דאס און יענס.

◄

1. רמ"א סי׳ תקפט סעיף ו׳. 2. עי׳ סי׳ תקפז במשנ"ב ס"ק טז, וראה הל׳ חג בחג (ימים נוראים, פ"י ס"ב) שלענין תקיעות דמעומד הגיל מאוחר יותר. 3. כידוע בשם כמה אחרונים ע"ש הרה"ק מהר"ש מבעלזא זיע"א דבר"ה סומכים על שיטת המהרש"ל שאין חיוב קידוש קודם מוסף (הגם שאין פוסקים כמותו בכל השנה), כיון שבראשונה היו תוקעים בשחרית ומחמת גזירת המלכות איחרוה למוסף, נמצא שהרי זה כאילו עומדים עדיין לפני גמר תפלת שחרית. 4. כפשטות השו"ע סי׳ רפו סעיף ג׳ ובנו"כ. 5. מג"א והובא שם במשנ"ב סי׳ תרצ"ב ס"ק טו, וכמשמעות הראשונים סוכה לח ע"א דדמי שופר ולולב אהדדי. 6. הליכות שלמה הל׳ תקיעת שופר ס"א. וע"ע שמירת שבת כהלכתה ח"ב (פרק נב סעיף יד ובהערה נו) באריכות. 7. עי׳ ברכי יוסף סי׳ רפו סק"ז, אך עי׳ שמירת שבת כהלכתה ח"ב (פרק נב סעיף טז, ובהערה סב) בענין המנהג למעשה. 8. אלף המגן סי׳ תקפה ס"ק יג, בשם שו"ת פרי הארץ. ומבואר היטב בשו"ת משנת יוסף ח"ט סי׳ קמח. 9. שו"ת מנחת יצחק (ח"ג סי׳ מז) שבט הלוי (ח"ה סי׳ סו, ח"ז סי׳ עט) לענין אשר יצר. שו"ת קנין תורה בהלכה (ח"ה סי׳ נו) לענין תהלים. 10. כשברור לו שלא ישכח לברך ברכת אשר יצר לאחר מכן. 11. באמת בדורות הקודמים כך היה דרכם בכל עת ללוש בשאור ולאפות החלות לכבוד כל השבתות וימים טובים, והלישה עם שמרים היא המצאה חדשה והיא מתוקה יותר ממה שהם היו אופים בשאור. ויש מחמירים בזה כהיום מכיון שקוראים לזה "זויער טייג". 12. דיש מחלקים דביום דמותר להתענות א"צ לחזור אבל בלילה אסור, ובשועה"ר סי׳ קפח דספק ברכות להקל. 13. כמבואר ביו"ד סי׳ שסז, ובאו"ח סי׳ כב לגבי ציצית ובסי׳ מה לגבי תפילין. ועי׳ פסק"ת כג אות א כמה פרטי דינים. 14. וה"ה דלגדולים מותר




ברכה שלימה למע"כ ידידי הנכבד מרביץ תורה לרבים ברוב ידיעותיו הנרחבות, אי"ש טוב ומטיב

הרה"ח ר׳ **ישראל אברהם שפירא** שליט"א

לרגל שמחתו הגדולה בהופעת ספרו החדש "**ישא מדברותיך**" חלק ב׳

**דבר בעתו מה טוב! צום ערשטן מאל א רייכער אוצר פון געקליבענע ווערטער אויף אלע ימים טובים!**

יהי רצון שיזכה להפיץ מעיינות חכמתו ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האי גברא יקירא
הרה"ח ר' שלמה יעקב
ב"ר משה ע"ה וואלטער
יארצייט ביום הכיפורים - יהא זכרו ברוך

**הונצח ע"י בני משפחתו**

### אויב א זכר האט כפרות געשלאגן מיט א תרנגולת אדער פארקערט

**שאלה: אויב א זכר האט בטעות געשלאגן כפרות מיט א נקבה-הון, אדער א נקבה האט געשלאגן מיט א זכר, דארף מען איבערשלאגן?**

**תשובה:** מען האט יוצא געווען און אויב מען וויל מחמיר זיין, קען מען אויך איבערשלאגן מיט געלט און געבן דאס געלט פאר צדקה.[15]

אויב עס זענען דא נאר זכרים אדער נקבות און עס וועלן מער נישט זיין צו באקומען די אנדערע, קען מען שלאגן מיט וועלכע עס איז דא.

## עד שירצה את חבירו

### מוחל זיין כאטש די מצוות גייען צוריק צו יענעם

**שאלה: א איד האט מיך מבזה געווען ברבים "כמו שכתוב". איך בין אוועק אינגאנצן צעבראכן, נאר איין זאך האב איך געהאט וואס האט מיך מחזק געווען, און דאס איז וואס מיר ווייסן פון די ספרי מוסר, אז ווען איינער ווערט פארשעמט ברבים גייען אריבער די מצוות פונעם מענטש וואס האט אים פארשעמט צו אים. דער וואס האט מיך פארשעמט איז א איד א מתמיד וועלכער טוט אסאך גוטע זאכן** (זעט אויס, אז דא האט ער זיך פארלוירן). **צי דארף איך אים מוחל זיין, אדער איך קען מיר מאכן א חשבון אז איך וויל נישט אז יענעמ'ס אלע מצוות און זכותים וואס איך האב פארדינט דורך דעם זאלן צוריקגיין צו יענעם.**

**תשובה:** עס שטייט אין "חובת הלבבות" און אין "אורחות צדיקים" און נאך, אז ווען איינער רעדט לשון הרע אויף א צווייטן, גייען אריבער אלע זיינע מצוות צו דעם מענטש אויף וועמען ער האט גערעדט.

אין ספר "מגיד מישרים" פונעם "בית יוסף", ברענגט ער אויך אזוי און שרייבט אז אויב וואלט א מענטש דאס געוואוסט און באגריפן, וואלט ער זיך געפריידט ווען איינער פארשעמט אים ווי מען וואלט אים געגעבן א מתנה פון גאלד און זילבער.

אין ספר "חסדי דוד" (אן אייניקל פונעם רמב"ם) שטייט, אז דאס זעלבע איז אויך ווען איינער פארשעמט א צווייטן אדער איז אים מצער אויף אן אנדער אופן. אזוי שטייט אויך אין חיד"א און שלה"ק.[16]

אויב דער וואס האט מצער געווען קומט דערנאך איבערבעטן, איז מען איז מחוייב אים מוחל צו זיין. איי, מען וויל דאך נישט פארלירן יענעמ'ס זכותים? זאגן אונז אויף דעם די ספרים, אז די מצוות גייען טאקע צוריק צו יענעם אבער זיי בלייבן ביי אים אויך.[17]

אנדערע זאגן, אז ווען מען איז מקיים אזא גרויסע מצוה, מוחל צו זיין יענעם אפילו פאר אזא טייערן פרייז אז יענעמ'ס מצוות וועלן צוריקגיין צו יענעם, איז דאס נאך א גרעסערער זכות פון יענעמ'ס אלע מצוות.

### זיך נישט פארלאזן אז יענער איז מוחל

**שאלה: איך האב איינעם מצער געווען, אבער יענער איז א שטארק-ערליכער איד**

ווען עס איז געקומען חודש אלול, האט דער בחור מיר אנגערופן און געזאגט, אז ער וויל מיך נישט מצער זיין, אבער ער מוז אויפגעבן דעם שיעור, ווייל ער האט מחליט געווען אז ער גייט אין ישיבה.

"וואס איז געשען מיט דיין פלאן?" האב איך אים געפרעגט. "האסט דאך געזאגט אז דו גייסט שוין ארויס פון ישיבה."

"איך האב באשלאסן," האט ער געענטפערט, "אז איך האב אזויפיל חברים אין בית המדרש, א גוטע חבורה, א חברותא וואס איז אינטערעסירט און שעצט מיר - איך קען דאס אלעס נישט שאדן האבן. דערפאר בלייב איך אין דער קהילה, און איך גיי אויך צוריק אין ישיבה לערנען."

דער בחור איז היינט צו-טאגס א ראש המשפחה, וועלכער האט אוועקגעשטעלט א ערליכע שטוב און האט ב"ה נחת פון די קינדער. אין וועמענ'ס זכות איז דאס געשען? אין זכות פון א יונגערמאן וואס האט געוואוסט אז "אין הדבר תלוי אלא בי", עס ווענדט זיך נאר אין מיר; איך קען אויפהייבן א אידישע נשמה פון שוועל פון תהום און בויען וועלטן. ווי אזוי האט ער דאס געטון? מיט א שמייכל, און מיט אביסל צייט און אויפמערקזאמקייט וואס ער האט אים געגעבן יעדן טאג.

די מעשה דארף אונז אפשטעלן און מאכן טראכטן: עס דרייען זיך ארום אזויפיל בחורים וואס גייען דורך שווערע אומשטענדן. זיי זוכן און לעכצן נאך חיזוק, א גוטווארט, מענטשן זאלן זיך אינטערעסירן, זען וואס זיי דארפן, וואס עס פעלט זיי; יונגע נפשות זוכן מיט ליכט ווער עס זאל זיך וויסנדיג מאכן פון זיי, זאגן א גוט ווארט. האבן מיר דען א תירוץ זיך צוריקהאלטן דערפון?

### לויפן 'צו' דער פרנסה

שטייענדיג יעצט אין די טעג וואס די עיקר עבודה איז תפילה, דעם חודש וואס מען "וואוינט אין בית המדרש", ברענגען מיר א דא שיינע מעשה פון "תפילה בכוונה", וואס עס האט דערציילט הרה"ג ר' אליהו שווארץ שליט"א.

נאר ערשט אן אנדער קליינער עפיזאד ווי א "הקדמה". אין יאר תשכ"ה, איז דער קאפיטשניצער רבי זצ"ל געקומען אמאל אין דער שטאט מאנטריאל צו א ברית פון אן אייניקל. דאס איז געווען זונטאג צופרי נאך שבת נחמו. מען האט געווארט אביסל אויף תפלת שחרית, און דער זייגער איז אביסל "פאררוקט געווארן". איז געווען דארט א איד, קענטיג אביסל אן אומרואיגער, וועלכער האט זיך געאיילט און האט אנגעהויבן אונטערטרייבן אז עס איז שפעט, מען דארף זיך שטעלן דאווענען און נישט אויפהאלטן דעם עולם.

## תקעו בחודש שופר - כי חק לישראל הוא

**ראש השנה זייט אייך מקבל צו לערנען יעדן טאג**
**דעם הייליגען לימוד סדר חק לישראל, און עס וועט קומען השפעות רחמים!**



אין ספר "תהילה לדוד" אויף תהילים שטייט: **"איינער וואס איז מקבל אויף זיך ראש השנה צו לערנען יעדן טאג דעם סדר פון 'חק לישראל', וועט זוכה זיין אז מען וועט אים משפט'ן מיט חסדים און רחמים."**

'תקעו בחודש שופר וכו'' - די צייט וואס מען בלאזט שופר, 'כי' - ראשי תיבות כ'ל י'ום (יעדן טאג), 'חק לישראל' - אז מען לערנט יעדן טאג אינעם 'חק לישראל', 'הוא' - ראשי תיבות ה'לכה ו'מוסר א'תו, וואס דער 'חק' אנטהאלט הלכה און מוסר, 'משפט וכו'' - וועט מען גע'משפט ווערן מיט חסדים און רחמים".

מדור זה נתנדב

לזכרו הבהיר של איש חסיד, כיבד את ה' מהונו ומגרונו, ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, היה כולו טוב וחסד והלך לפניו צדקתו הגדולה אשר פעל ועשה למען הכלל והפרט

הרה"ח ר' שמואל ב"ר שלמה מרדכי ע"ה וואסערמאן

לקראת היארצייט ביום כ"ג אלול

הונצח ע"י בני משפחתו שי'

**און איך גלייב אז ער וועט זיכער מוחל זיין יעדן איינעם. צי בין איך נאך אלץ מחוייב צו גיין אים איבערבעטן?**

**תשובה:** מען איז מחוייב צו גיין איבערבעטן אליין אדער דורך א שליח און זיך נישט פארלאזן אז מן הסתם איז ער מוחל, אפילו אויב מען ווייסט אז יענער גייט נישט שלאפן פאר ער זאגט "הריני מוחל".[18]

### בעטן פאר יענעמ'ס הצלחה

**שאלה: עס שטייט אין חז"ל אז ווען איינער בעט איינעם מחילה, דארף מען אים מוחל זיין און מתפלל זיין אויף אים. וואס זאל מען מתפלל זיין, און וואס איז דער טעם פארוואס מען דארף מתפלל זיין אויף יענעם ווען מען איז אים מוחל?**

**תשובה:** מען דארף מתפלל זיין און ווינטשן אז ער זאל האבן הצלחה, כדי עס זאל זיין קענטיג אז מען האט נישט אויף אים קיין שום שווער הארץ.[19]

## שאלות ביים קויפן אן אתרוג

### פרעגן אויפ'ן זעלבן אתרוג פון עטליכע רבנים

**שאלה: צי מעג מען גיין צו עטליכע רבנים פרעגן אויף די זעלבע אתרוגים וועלכע עס איז מער מהודר, אדער אויב מען איז געווען ביי איין רב און ער האט געזאגט זיין חוות דעת, זאל מען נישט גיין צו נאך א רב, ווי די הלכה איז אז ווען מען פרעגט א שאלה פון א מורה הוראה, צ.ב.ש. אויף אן עוף, און ער פסק'נט דערויף, טאר מען נישט גיין צו אן אנדערן מורה הוראה פרעגן אויפ'ן זעלבן עוף?[20]**

**תשובה:** מען קען פרעגן עטליכע רבנים, וויבאלדביידע אתרוגים זענען כשר נאר מען וויל וויסן וועלכער עס איז מער מהודר, וואס דאס איז א שיקול הדעת וואס יעדער רב קען זאגן דערין אנדערש; איינער קוקט מער אויפ'ן "גידול", איינער אויף דער ריינקייט, אא"וו.

### אויב דער אתרוג איז אראפגעפאלן ביים אתרוג-סוחר

**שאלה: אויב איינער איז געגאנגען קויפן אן אתרוג און זייענדיג ביים אתרוג-סוחר איז דער אתרוג אראפגעפאלן פון זיין האנט און דער פיטם האט זיך צעבראכן, צי איז ער מחוייב צו באצאלן, אדער וויבאלד עס איז געשען בשעת'ן קויפן איז ער פטור?**

**תשובה:** מען איז מחוייב צו באצאלן, און עס איז נישטא קיין טענה פון אן "אונס", ווייל א מענטש הייסט אלעמאל א "מועד" (ווי ער טוט דאס ווילנדיג) און איז מחוייב צו נעמען אחריות אויף זיינע מעשים.

אזוי אויך אויב מען האט איינגעפאקט דעם אתרוג אינעם פלאסטיק א.ד.ג. און בשעת מעשה האט זיך דער פיטם צעבראכן איז מען מחוייב צו באצאלן.

אזוי אויך אויב בשעת'ן באטראכטן דעם לולב האט מען געעפנט די בלעטער, איז מען מחוייב צו באצאלן, אפילו אויב עס איז נישט פסול געווארן, וויבאלד דער מוכר קען עס מער נישט פארקויפן פאר'ן געהעריגן פרייז.

עס איז א מחלוקת אין די פוסקים וויפיל מען דארף באצאלן אין די אויבנדערמאנטע פעלער, צי מען דארף באצאלן וויפיל דער אתרוג-סוחר בעט, אדער וויפיל עס האט געקאסט פאר'ן סוחר דער אתרוג אדער לולב, און מען זאל פרעגן א שאלה.

האט דער קאפיטשניצער רבי, מיט זיין אהבת ישראל, געפרעגט דעם איד, "זאגט מיר, וואוהין איילט זיך?" "וואס הייסט?" ענטפערט דער איד. "מען דארף גיין צו דער ארבעט." "יעצט זענט איר ביי דער ארבעט!" האט דער קאפיטשניצער רבי אים אויסגעבעסערט. נעמליך, דאס דאווענען, דאס איז די עיקר ארבעט פון א איד.

דערציילט ר' אליהו "מענין לענין": א חבר מיינער וואס וואוינט אין ניו יארק און זיינע עלטערן וואוינען אין לאנדאן, האט זיך געגרייט צו מאכן א נסיעה קיין לאנדאן מיט זיינע דריי קינדער און האט זיך אויסגערעכנט צו דאווענען מנחה אין לופטפעלד בייםווארטן ארויפצוגיין אויפ'ן עראפלאן. למעשה האט די צייט זיך אביסל פארשלעפט, עס איז געווען טראפיק אויפ'ן וועג, און אנקומענדיג אין עירפארט איז שוין די צייט געווען ענג. ערשט ווען ער איז ארויף אויפ'ן עראפלאן און געזעצט ארויפלייגן אלע פעקלעך העכער'ן זיץ, איז ער געווען גרייט זיך צו שטעלן דאווענען מנחה.

ער האט פרובירט זיך קאנצענטרירן אינעם דאווענען וויפיל עס איז שייך און נישט הערן דאס ארומיגע גערודער, אבער ווי-נאר ער האט אנגעהויבן דאווענען שמונה עשרה, האט ער געהערט אויסרופן אויפ'ן מיקראפאן אז עס איז דא א מאנגל אין פלאץ אויפ'ן עראפלאן, און ווער עס איז גרייט אויפצוגעבן זיין זיץ און פארן מיט אן אנדער פליגער עטליכע שעה שפעטער פאר'ן סכום פון טויזנט דאלער פער טיקעט זאל זיך מעלדן.

אומווילנדיג האט ער אנגעהויבן טראכטן צו זיך: איך קען שטארק ניצן אזא סכום געלט, און פאר מיר וואלט בכלל נישט געווען אזא גרויסער חילוק אנצוקומען קיין לאנדאן אביסל שפעטער. אוודאי איז דאס א טירחא אראפצונעמען די רענצלעך און ווארטן נאך א פאר שעה ביז'ן אפפליען, אבער פאר דעם פרייז וואס יעדער פון אונז, איך מיט די בני-בית און די קינדער, וועט באקומען לוינט זיך דאס; עס קומט אן צו א סך-הכל פון פינף טויזנט דאלער.

וואס טוט מען אבער - ער האלט דאך אינמיטן דאווענען מנחה. נו, טראכט ער, אפשר זאל איך מאכן א "שנעלע מנחה", אפדאווענען די שמונה עשרה און זיך מעלדן. עס איז "לצורך פרנסה"...

ער האט אבער באלד מחליט געווען, ניין. דאס מנחה-דאווענען איז ווערט מער ווי געלט. וואלט ווען איינער געקומען צו מיר און געוואלט אפקויפן א מנחה פאר פינף טויזנט דאלער, וואלט איך עס אים דען פארקויפט? אוודאי נישט. נו, וועל איך עס יעצט אויך נישט פארקויפן.

ער האט געדאווענט די שמונה עשרה מיט א רואיגקייט און כוונה. ווי-נאר ער האט געענדיגט דאווענען, הערט ער אויסרופן, אז היות קיינער האט זיך נישט אפגערופן ביז יעצט און מען דארף נאך

לעשות כן, דלא מצינו קפידא שלא יהי' הפסק בין ראשו להכפרה. **15.** יש מחמירין שיעשה עוה"פ מנהג הכפרות, ראה א"א ח' סי' תרה, ובמרא דשמעתתא מהגרמ"א פריינד זצוק"ל שמחמיר משום דצריך גבר תחת גבר. **16.** וע' ספה"ק נועם מגדים (טהרה) עה"פ זאת תהי' שמאריך בזה. **17.** עי' חתם סופר דרשות לז' אדר קע ע"ב, שאם חזר בתשובה וביקש סליחה מקבל בחזרה כל הזכויות, ועי' ספר ח"ח מהדורת דרשו ע' 306 בהערות שמאריך בזה. וידוע הרבה עובדות מגדולי ישראל שהרבו לעשות חסד עם האנשים שפגעו בהם. **18.** כמבואר בספר פלא יועץ (ערך תשובה) ועי' או"ח סי' תרו משנ"ב דרשו הע' 8. **19.** בחו"מ סי' תכב בסמ"ע אות ב, שלמדו מאבימלך שכתוב בו ועתה השב וכו' ויתפלל בעדך. **20.** כמבואר ביו"ד סי' רמב. **21.** עי' משו"כ בספרנו ממונם של ישראל ח"ב ע' פא. **22.** דבדרך כלל אחר גמר הקנין אין יכולין להחזירו בלי הסכמת המוכר, אלא אם המנהג הוא שיכולין להחזיר או אם התנה עמו שיוכל להחזיר או להחליפו. **23.** ועי' בספרנו ממונם של ישראל ח"ב ע' קא דמי ששכר פורנישד דירה מאחד שאסור להשכירו לאחר בלי רשות המשכיר. **24.** עי' שו"ת תשובות והנהגות ח"א סי' תתצט בשם הח"ח.

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת האשה החשובה מופלגת במעשיה הטובים
מרת **פיגא** בת ר' **יחזקאל שרגא** ע"ה
**לונגער**
נפטרה ביום ז"ך אלול
יהא זכרה ברוך
**הונצחה ע"י בני משפחתה**

### אויב א קינד האט צעבראכן דעם אתרוג

**שאלה: אויב מען האט מיטגענומען א קינד ביים קויפן דעם אתרוג, און דאס קינד האט גענומען אן אתרוג אין האנט און דער פיטם האט זיך צעבראכן, צי איז מען מחוייב צו באצאלן?**

**תשובה:** לויט אסאך פוסקים, איז דער טאטע מחוייב צו באצאלן, כאטש געוועגליך מוז דער טאטע נישט באצאלן פאר'ן שאדן וואס עס מאכט זיין זון אונטער בר מצוה, ווייל וויבאלד ער האט אים געברענגט אין געשעפט איז דאס אויף זיין אחריות.[21]

עס דארף אנגעמערקט ווערן, אז צומאל מאכט מען קאליע אן אתרוג פשוט מיט'ן דריקן שטארק דערויף אדער האלטן צי לאנג אין דער האנט, וואס עס קומט ארויס דערפון זאפט און דער מוכר קען עס מער נישט פארקויפן. דערפאר דארף מען שטארק אכטונג געבן ביים אויפהייבן דעם אתרוג, און אוודאי זאל מען עס נישט געבן פאר א קינד אין האנט פאר'ן קויפן, כדי נישט צו מאכן קיין שאדן פאר'ן מוכר.

### אויב מ'האט צוריקגעברענגט דעם אתרוג שפעטער

**שאלה: ווען איינער נעמט ארויס פונעם אתרוג-סוחר צוויי אתרוגים כדי צו ווייזן פאר א רב אדער א מבין, און ער זאגט פאר'ן סוחר אז ער וועט עס צוריקברענגען ביז א טאג, און דערווייל האט ער עס צוריקגעברענגט נאך עטליכע טעג און דער מוכר האט געהאט א שאדן צוליב דעם, צי דארף ער באצאלן דעם שאדן?**

**תשובה:** אויב דער מוכר טענה'ט אז ער האט צוליב אים שאדן געהאט א קאסטומער, דארף ער אים באצאלן, און מען זאל איבררעדן מיט א מורה הוראה וויפיל ער דארף באצאלן.

אזוי אויך מאכט זיך אז מען נעמט אן אתרוג און צום סוף ברענגט דער טאטע אדער חבר אן אנדער אתרוג פון ערגעץ אנדערש, און מען וויל צוריקגעבן דעם ערשטן אתרוג פאר'ן סוחר, און יענער זאגט אז ער האט שאדן געהאט א קונה צוליב אים. אין אזא פאל דארף מען דאס דורכרעדן מיט א מורה הוראה.[22]

## שאלות ביים בויען די סוכה

### בויען די סוכה אין די ביינאכט-שעה'ן

**שאלה: אין די טעג וואס מען איז פארנומען מיט'ן בויען די סוכה, וואס אסאך מענטשן האבן צייט צו ארבעטן נאר אין די נאכט-שעה'ן, און דער שכן טענה'ט אז דער רעש פונעם בויען שטערט אים צום שלאף, צי האט ער רעכט אפצוהאלטן, אדער ער קען דאס נישט אפהאלטן וויבאלד עס איז לצורך מצוה?**

**תשובה:** אין די שעה'ן וואס מענטשן שלאפן שוין געוועגליך, צ.ב.ש. נאך עלף אזייגער ביינאכט, טאר מען נישט מאכן קיין גערודער אפילו ווען עס איז לצורך מצוה.

זיצן, דעריבער שלאגט מען פאר א העכערן פרייז - צוויי און א האלב טויזנט דאלער פער זיץ.

ער איז באלד צוגעגאנגען און זיך אנגעטראגן אז ער איז גרייט צום געשעפט, און ער האט דערביי פארדינט צוועלף מיט א האלב טויזנט דאלער.

ווי האט דער הייליגער בארדיטשעווער רב געזאגט? זעענדיג אמאל א איד וועלכער איילט זיך ביים דאווענען, האט דער צדיק רבי לוי יצחק פון בארדיטשעוו זי"ע אים געפרעגט וואהין ער איילט זיך אזוי. "צו מאכן פרנסה," האט דער איד געענטפערט. "און ווער זאגט," האט דער צדיק אים געפרעגט, "אז דו איילסט זיך **צו** דער פרנסה; אפשר איילסטו זיך גאר אוועק פון דער פרנסה?..."

לאמיר דאווענען מיט געלאסנקייט און כוונה און זיך אויסבעטן אלעס גוטס!

### די הדרכה פונעם "בן איש חי"

לכבוד מכון הליכות החיים,

יישר כח פאר די הערליכע ערשטהאנטיגע מעשיות פון הרה"ג ר' אברהם ישעי' וואזנער שליט"א בנוגע מצוות נטילת ידים און ברכת המזון.

שטייענדיג אין די עשרת ימי תשובה, איז כדאי מפרסם צו זיין וואס דער "בן איש חי" שרייבט וועגן מצות ברכת המזון, בפרט אין די ימי התשובה, ווי פאלגנד: "אין די טעג ווערן געטון די עיקר תיקונים וואס מיר דארפן מתקן זיין - דורך עסן און טרינקען כהלכה. דערפאר זאלן אויך אזעלכע אידן וואס פאסטן אין די עשרת ימי תשובה זיך וואשן צו ברויט כאטש ביינאכט אין אלע נעכט פון די עשרת ימי תשובה און זיך נישט פטר'ן מיט פארשידענע סארטן אנדערע שפייזן, כדי צו קענען בענטשן ברכת המזון, וואס איז א מצות עשה מן התורה, און דעמאלט וועט זיין פרידן און השי"ת וועט העלפן".

דער "בן איש חי" רעדט פון א איד וואס איז אויף א מדריגה צו פאסטן אלע טעג פון די עשרת ימי תשובה, אז אויך אין די טעג זאל ער נישט אויסלאזן די מצוה פון ברכת המזון, ווייל די תיקונים ווערן געטון דווקא "דורך עסן און טרינקען כהלכה". מיר, פשוט'ע אידן, וואס עסן ב"ה צו דער זעט, דארפן אוודאי זען מקיים צו זיין מצוות נטילת ידים און ברכת המזון און דערמיט זוכה זיין צו "פרידן", וואס איז א כלי מחזיק ברכה וואס נעמט אריין אלע גוטע השפעות, און צו ישועת ה'.

זייט ממשיך ווייטער מיט אייער הייליגע ארבעט מיט פיל הצלחה!

א מתנה פאר כלל ישראל

ראש השנה
יום הקדוש
חג הסוכות
שמיני עצרת
ושמחת תורה
אסרו חג
אצל
מוכרי ספרים
או המחבר
845.641.9496

**מדור זה נתנדב**

ע"י ידידנו ותומכנו היקר הנדיב הנכבד

**מוה"ר יעקב ניצליך הי"ו**

**לכבוד השנה החדשה הבעל"ט**

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו שיזכה לשנה טובה ומתוקה ולראות דורות ישרים ומבורכים מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד

### נעמען דעם שכנ'ס לייטער

**שאלה: אויב מען האלט אינמיטן בויען די סוכה און מען דארף א לייטער, און מען זעט שטיין א לייטער ביים שכנ'ס הויז אינדרויסן, און יענער הייבט נישט אויף דעם טעלעפאן אז מען זאל אים קענען פרעגן, צי מעג מען עס נעמען אן רשות, אויב מען איז זיכער אז דער שכן וואלט נישט מקפיד געווען?**

**תשובה:** אויב עס איז זיכער אז דער שכן וואלט מסכים געווען, מעג מען עס נעמען און מען זאל עס באלד צוריקלייגן, און ווען מען נעמט עס זאל מען איבערלאזן א צעטל ביי יענעמ'ס טיר אז מען האט עס גענומען און אז יענער קען רופן אין פאל ער דארף עס יעצט.

אויב איז עס גאר א טייערע זאך און מען איז נישט זיכער אז יענער וואלט מסכים געווען, טאר מען עס נישט נעמען.

## פארדינגען זיך פלעצער

### באצאלן זיץ-געלט אדער א דירה

**שאלה: די וואס קומען צו פארן צו א רבי'ן און דינגען ארויס א דירה, צי איז דא דערביי א חיוב פון "ביומו תתן שכרו" צו באצאלן אין צייט?**

**תשובה:** ווען מען דינגט א דירה דארף מען באצאלן אין זעלבן טאג וואס מען ווערט מחוייב, צוליב דעם איסור פון "בל תלין" און צוליב דער מצוה פון "ביומו תתן שכרו".

די צייט ווען מען איז מחוייב צו באצאלן איז באלד נאכדעם וואס עס ענדיגט זיך דאס שכירות (די טעג וואס מען דינגט עס). אין א פאל וואס מען דינגט די דירה אויף ראש השנה, איז דער חיוב מוצאי ראש השנה, ווילאנג די נאכט איז נאכנישט אריבער.

אויב מען דינגט די דירה אויף ראש השנה און יום כיפור צוזאמען, איז די צייט צו באצאלן מוצאי יום כיפור.[23]

### ווען מען דינגט פון איינעם א זיץ-פלאץ

דאס זעלבע אויך ווען מען דינגט א זיץ-פלאץ פון א צווייטן, ווי עס מאכט זיך אין גרעסערע בתי מדרשים, דארף מען באצאלן ווען דאס שכירות ענדיגט זיך, אזוי ווי ביים דינגען א דירה.

### באצאלן דירה-געלט פון פאראויס

**שאלה: אויב באצאלט מען די דירה פאר ראש השנה, וואס יענער האט הנאה אז ער האט שוין דאס געלט פאר יום טוב, צי איז מען מקיים דערמיט "ביומו תתן שכרו", וויבאלד מען האט באצאלט פאר דער צייט וואס מען איז מחוייב?**

**תשובה:** די מצות עשה און חיוב פון "ביומו" איז נאר ווען עס קומט די צייט וואס מען מחוייב צו באצאלן, ווי ערקלערט.[24]

אויב מען דינגט פון איינעם א דירה אדער זיץ-פלאץ אויף ראש השנה, און מען וויל אים געבן דאס געלט נאך פאר ראש השנה, זאל מען אים זאגן אז מען גיט עס אים יעצט, אבער עס איז א "פקדון" ביי אים ביז דער צייט וואס מען איז מחוייב צו באצאלן און דעמאלט זאל עס ווערן זיינס. און אזוי איז מען מקיים "ביומו תתן שכרו".

### בספר חיים פרנסה וכלכלה

הרב דוד אשור שליט"א דערציילט: א צייט צוריק איז צוגעקומען צו מיר א איד און געזאגט, אז ער האט ביי זיך א גרויסן סכום צדקה-געלט, און ער געטרויט מיר, איך זאל אים זאגן פון איינעם וואס וואלט געקענט און געדארפט ניצן דאס געלט גאר וויכטיג.

עס איז מיר עפעס באלד געקומען אויפ'ן געדאנק דער נאמען פון א איד, א תלמיד חכם עצום פון ארץ ישראל, וואס איך ווייס אז ער לערנט פון צופרי ביז ביינאכט, אן עובד ה' וואס לעבט אין גרויס דחקות און קען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די טאג-טעגליכע באדערפענישן. איך האב באלד אנגערופן דעם איד און אים געזאגט אז איך האב פאר אים א שיינעם סכום געלט וואס וועט אים פארגרינגערן.

זאגט מיר דער תלמיד חכם, "עס קען זיין אז פאר דיר איז דאס א וואונדער, פארוואס דו האסט אויסגעקליבן צו קלינגען פונקט צו מיר, אבער פאר מיר איז עס א פשוט'ע זאך. די פרנסה קומט מיר קיינמאל נישט אן גרינג. עס איז מיר א זכי' אז איך קען זיך פלאגן אויף תורה און לייגן באקוועמליכקייטן אין א זייט. אבער לעצטנס איז עס געווען ביי מיר א בחינה ממש פון 'באו מים עד נפש'.

"יעצט," האט ער ווייטער געזאגט, "ווען עס איז געגאנגען פרשת עקב, האב איך געלערנט דעם רש"י באלד אנהייב סדרה, אז דער פסוק רעדט פון 'מצוות קלות', וואס מענטשן 'טרעטן מיט די פיס', דהיינו, מען ווייסט נישט זייער חשיבות, און מען איז זיי טאקע נישט מחשיב. אביסל שפעטער שטייט וועגן מצוות ברכת המזון. האב איך געטראכט צו מיר, אז עס קען זיין אז דאס פעלט ביי מיר. איך פלעג זיך כמעט נישט וואשן דורך דער וואך, נישט האבנדיג קיין צייט, אבער יעצט זייענדיג שטארק געדריקט, האב איך אנגעהויבן טראכטן, איך בין טאקע נישט מחוייב צו בענטשן, ווייל איך עס נישט קיין ברויט, אבער למעשה בין איך נישט מקיים די מצות עשה, די דריי ברכות פון בענטשן - די איינציגע דריי ברכות וואס זענען מן התורה. איז דען שייך א מער 'מצוה קלה' ווי דאס? האב איך מחליט געווען אז מהיום והלאה וועל איך זיך וואשן יעדן טאג אין וואך און בענטשן ברכת המזון בכוונה.

"עס זענען אדורך בלויז עטליכע טעג, און מיר האבן געזען א ישועה. מיין פרוי, וועלכער איז זייער א געלונגענע לערערין, האט די לעצטע דריי יאר נישט געקענט טרעפן קיין ארבעט-שטעלע. די עיקר סיבה איז געווען, ווייל די שולעס האבן פארלאנגט אז זי זאל אריינקומען אכט אזייגער צופרי, און זייענדיג א באשעפטיגטע מאמע פון




איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

**הגליון והפצתו נתנדב**

**לז"נ הרה"ק ר' חיים זאנוויל בן ר' משה זצוק"ל מריבניץ**

לרגל יומא דהילולא קדישא ביום אסרו חג סוכות כ"ד תשרי

**וזוג' הרבנית שרה בת הגאון ר' שלמה זצ"ל מריזינא** - יא"צ ביום כ"ה אלול

**הונצח ע"י תלמידו ידידנו הנדיב הנכבד מתומכי מכון הליכות החיים בכל עת ועונה**

**הרה"ח ר' משה ליב רוטנער שי'**

זכותו הגדול והקדוש יגן עליו ועל כל בני משפחתו לזכות לכל ההשפעות טובות מתוך שמחה ונחת

## א טעלעפאן-רוף פוןביידע מחותנים

לכבוד מכון הליכות החיים,

א צייט צוריק איז געשטאנען אינעם גליון א שאלה פון א חתן, מיט וועמען ער זאל טאנצן פריער ביי זיין חתונה, מיט זיין טאטן אדער זיידן. די תשובה איז געווען, אז דער חתן האט א חיוב מכבד צו זיין זיין טאטן פריער, אבער זיין טאטע האט א חיוב מכבד צו זיין זיין טאטן (דעם חתנ'ס זיידן), דערפאר איז ריכטיג אז דער אבי החתן זאל אפשמועסן מיט'ן חתן אז ער זאל טאנצן ערשט מיט'ן זיידן און דערנאך מיט אים, און דאס זעלבע אויך פאר דער כלה מיט איר מאמען און באבען.

וויל איך דערציילן בקשר דערצו א שיינע מעשה. איך האב נאר-וואס חתונה געמאכט און, ברוך ה', נישט דאס ערשטע קינד. אינעם יום החופה האט איך זיך דערמאנט אין דער אויבנדערמאנטער תשובה וואס איז געשטאנען אין "הליכות החיים". היות איך האב דאס קיינמאל נישט געטון, נאר ווי עס איז איינגעפירט געווענליך אז דער טאטע טאנצט ערשט מיט'ן חתן, האב איך געפילט א נחיצות אנצורופן דעם מחותן און אים מודיע זיין אז דער חתן וועט טאנצן ערשט מיט מיין טאטן, זאל זיין געזונט, כדי ער זאל וויסן פון פאראויס און זיך נישט וואונדערן.

ווי-נאר איך רוף אים אן און הייב אים אן דאס זאגן, מאכט ער צו מיר א באמערקונג, אז מן הסתם האב איך געזען אויפן "איי-די" אז ער האט פריער פרובירט מיר רופן, און עס איז טאקע געווען בנוגע דעם ענין. ער האט געוואלט אפשמועסן מיט מיר אז היות ער האט געזען די הלכה אין "הליכות החיים", וויל ער בעטן אז מען זאל טון ווי עס איז דארט געשריבן...

ברוך שכיוונו! ביידע מחותנים האבן מיט איין מחשבה און עצה אין די שענסטע צייטן פון לעבן, די נאכט פון הכרת הטוב צום רבוש"ע פאר'ן דערלעבן צו פירן די קינדער אונטער דער חופה, זיך באשלאסן אינאיינעם מכיר טוב צו זיין פאר זייערע עלטערן (כידוע פונעם "חינוך", אז דאס איז דער טעם פון מצות כיבוד אב ואם). עס איז א טאנץ פון אייניגע מינוט, אבער דאס שענסטע בילד פון א חתונה, ווי מען גיט אפ כבוד פאר די עלטערן וואס האבן אונז אזוי געטריי מגדל געווען.

גלייכצייטיג איז דאס א מוסר השכל פאר אונזערע קינדער, ווי אזוי צו שטעלן דאס חשיבות פון עלטערן אויפ'ן ערשטן ארט, אנדערש ווי דער רוח אין גאס אין דער בחינה פון "נערים דוחפים את הזקנים". אוודאי איז דאס א גרויסער זכות פאר חתן-כלה מקבל צו זיין אלע גוטע השפעות אין דעם גרויסן זכות פון כיבוד אב ואם אין דער העכסטער און שענסטער צייט פון זייער לעבן.

יישר כחכם פאר אייער הייליגער ארבעט!

## דאס צעטל אין ישמח ישראל'ס מחזור

לכבוד מכון הליכות החיים,

שטייענדיג יעצט פארן יום הדין איז כדאי צוצוברענגען די געוואלדיגע חיזוק-ווערטער פונעם "ישמח ישראל", וואס במקום גדולתו זעט מען אויך גודל ענוותנותו.

ווען דער "ישמח ישראל" האט געשפירט אז ער איז בכלל נישט ראוי זיך צו שטעלן פאר'ן רבוש"ע וויבאלד ער האט גארנישט פאר אים צוגעשטעלט, האט ער אפגעשריבן פאר זיך א צעטל און עס אריינגעלייגט אין זיין מחזור, און ער פלעגט דארט כסדר אריינקוקן אינמיטן דאווענען.

צווישן די ווערטער אויפ'ן צעטל איז געשטאנען געשריבן אז כאטש ער האט אזויפיל געזינדיגט און איז ח"ו אזא גרויסער חוטא ופושע, דאך קען ער זיך שטעלן דאווענען פאר'ן רבוש"ע, ווייל אפילו אויב ער וואלט געזינדיגט טויזנט מאל, איז אבער דעם אויבערשטנ'ס רחמנות נאך פיל מער פון דעם, וויבאלד דער רבוש"ע איז אונזער גרויסער טאטע, און זיין רחמנות איז בלי סוף.

דאס איז א געוואלדיגער חיזוק פאר יעדן איד, אז נישט קיין חילוק ווי אזוי עס זעט אויס דער עבר, ווארט אבער דער רבוש"ע צו הערן אונזערע תפלות און אונזער תשובה און קבלה אויף א בעסערן עתיד, און ער וועט אונז משפיע זיין א גוט יאר און א גמר חתימה טובה מיט אלעם גוטן לחיים טובים ולשלו'.

א שטוב מיט קינדער, האט זי נישט געקענט גיין פאר ניין אזייגער.

"א צייט צוריק האט זי נאכאמאל אריינגעגעבן אן אפליקאציע צו א שולע, פשוט פון השתדלות וועגן. א פאר טעג פאר'ן אנהייב פונעם שולע-יאר, האט מען איר גערופן, אז מען דארף דרינגנד א לערערין אין פינפטן קלאס. זי האט געזאגט אז זי וועט נישט קומען פאר ניין אזייגער. 'עס מאכט נישט אויס יעצט,' האט מען איר געזאגט. 'מיר דארפן א גוטע לערערין און האבן נישט קיין אנדער ברירה.'

"די אינטערעסאנטע זאך איז געווען, אז עטליכע טעג פריער האט מיין פרוי געוויזן די 'רעזומע' פאר איינע וואס ספעציאליזירט זיך אין רעזומעס, זאגנדיג אז דאס האט זי געשיקט פאר דער שולע. 'מיט אזא רעזומע, וועט מען אייך אפילו נישט רופן צו קערן די פלאר,' האט יענע איר געזאגט, ווייזנדיג אלעס וואס מען דארף דערין פארריכטן, אבער איין טאג שפעטער, נאך פאר זי האט געהאט די געלעגנהייט צו פארריכטן, האט מען איר גערופן און געבעטן באלד אנצונעמען דעם דזשאב.

"יעצט, אז דו רופסט מיר פון אמעריקע," האט דער תלמיד חכם אויסגעפירט, "און פונקט אין מיר האסטו געדענקט - איז עס מיר אויך נישט קיין וואונדער. עס איז די גוטע קבלה וואס איך האב גענומען אויף זיך, זיך צו וואשן צו ברויט און בענטשן ברכת המזון טעגליך. אט דאס האט געעפנט די שפע וואס וועט זיך, בעזר ה', נישט אפשטעלן."

*

**שטייענדיג יעצט נאך א פרישן יאר וואס דער רבוש"ע האט אונז געגעבן די זכי' מזכה צו זיין כלל ישראל מיט די הערליכע גליונות, ווינטשן מיר דא בשער בת רבים די חשוב'ע נדיבי הלב שיחי' וואס האבן אונז געהאלפן מיט דער מעגליכקייט ארויסצוגעבן און פארשפרייטן די גליונות אין א צייט וואס די הוצאות זענען ספעציעל גרויס, בפרט אין די יעצטיגע זמנים וואס עס איז "היוקר יאמיר", און אָן זייער ברייטהארציגער הילף וואלט דאס נישט ערמעגליכט געווארן, ווי חז"ל זאגן "אם אין קמח אין תורה".**

**דער זכות פונעם לימוד התורה פון זעכציג טויזנט אידן בליעה"ר בכל מקומות מושבותיהם זאל מגין זיין אויף זיי געבענטשט צו ווערן מיט א גוט, זיס און ליכטיג יאר, ווי באקאנט פון אריה"ק אויפ'ן פסוק "הריעו לה' כל הארץ", אז די ראשי תיבות דערפון איז הלכ"ה, מרמז צו זיין אז מיט'ן לערנען דעם דבר ה' זו הלכה למעשה, צעברעכט מען אלע דינים און מען איז זוכה צו חסדים ורחמים.**

ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר מודיע זיין, אז מיר האפן אי"ה ארויסצוקומען אויף סוכות מיט א גרעסערן גליון, און די וואס ווילן מנדב זיין און האבן א חלק דערין זאלן ביטע אריינרופן וואס פריער 845.659.1547 ובזכות זה זוכה זיין צו א גוט געבענטשט יאר מיט אלעם גוטן, וזכות הרבים תלוי בכם.

מיט'ן מנדב זיין דעם גליון "הליכות החיים", האט איר די זכות הרבים פון **זעכציג טויזנט אידן** בליעה"ר. רופט: 845-659-1547

**כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת**

**הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170**